# ווילנער קאַפּיטלען

פֿון הירשע־דוד קאַץ

דאָס שרײַבט אַ ייִד וואָס איז קיינמאָל קיין בונדיסט ניט געווען, נאָר אַזאַ איינער וואָס באַציט זיך צו אַט דער באַוועגונג אין ייִדישן לעבן ניט נאָר מיט גרויס דרך־ארץ נאָר דערצו מיט אַן עכטער נאָענטשאַפֿט.

די לעבנלאַנגע נאָענטשאַפֿט האָט סײַ אַ פּערזענלעכע און סײַ אַ קולטור־היסטאָרישע מאָטיווירונג.

איך געדענק זייער גוט, אין די זיבעציקער יאָרן, איז פֿאַר מיר די סבֿיבֿה פֿונעם דעמאָלטיקן „יוגנט־בונד" (און „סקיף") געווען די איינציקע סבֿיבֿה פֿון יוגנטלעכע ווו דאָס ריידן ייִדיש, דאָס דערלערנען אירע ליטעראַרישע אוצרות, איז ניט געווען, ניט קיין „פּרינציפּן־דעקלאַראַציע" נאָר וואָדען: אַזוי נאַטירלעך ווי אײַנאָטעמען די פֿרײַע לופֿט. דאָס איז געווען גילטיק סײַ אין ניו־יאָרק סײַ אין דער זומער־קאָלאָניע „קעמפּ המשך" אין די טיפֿענישן פֿון די פּראַכטפֿולע וועלדער אין שטאַט ניו־יאָרק, ניט ווײַט פֿון שטעטל מאָנטענדייל. איך האָב אויך געהאַט די זכיה צו זײַן אַ תּלמיד בײַ ח. ש. קאַזדאַן (1883 – 1979) אין ניו־יאָרקער ייִדישן לערער־סעמינאַר. פֿונדערפֿון איז מיר קלאָר געוואָרן וויפֿל די נײַע ייִדישע קולטור האָט צו פֿאַרדאַנקען דעם „בונד". „אַזעלכע קאַזדאַנס" (ער איז פֿאַר דער מלחמה געווען דער הויפּט פֿון די „ציש"אָ"־שולן אין פּוילן) וואַקסן ניט אויס „פֿונדערלופֿטן".

פֿון דער בונדישער יוגנט פֿון יענע יאָרן טרעפֿט מען הײַנט ייִדישע היסטאָריקער, זינגער, אַרטיסטן, דערציִער און אַנדערע ממשותדיקע כּוחות וואָס טראָגן צו אַ סך צו דער ברייטערער אָנערקענונג און המשך פֿון דער מזרח־אייראָפּעיִשער וועלטלעכער ייִדישער קולטור.

אויסן איז מען דאָ אָבער אַרויסזאָגן אַ וואָרט וועגן דער ראָלע פֿון בונד אינעם אויפֿקום פֿון די אייביקע אוצרות פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. וואָס מיינט מען דאָ מיטן וואָלפֿיש־וואָרט „אייביק"? בקיצור: פּערמאַנענטע ליטעראַרישע ווערק. מען קען אָן איבעריקע שוועריקייטן דערלאַנגען לאַנגע רשימות פֿון ייִדישע שרײַבער וואָס זײַנען געווען בונדיסטן (ווער מער און ווער ווייניקער), פֿון י. ל. פּרץ און ווײַטער.

מען קען אַפֿילו אָוועקשטעלן אַ ברייטערע היפּאָטעזע וועגן דער ראָלע פֿון „בונד" אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. צו־ערשט, עטלעכע ווערטער וועגן דעם „בונד".

דער „בונד" איז כּידוע אַ ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג, וועמענס ציל עס איז געווען דער דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם. אויפֿגעקומען איז ער (נאָך יאָרן „פֿאַר־געשיכטע"), בסודי־סודות, אויפֿן בוידעם פֿון אַ שטוב אין ווילנע, אין 1897, אין די יאָרן פֿון וואַקסנדיקער אָרגאַניזירטער קעגנשטעלונג צום אויטאָקראַטישן רעזשים אין צאַרישן רוסלאַנד.

אין פֿאַרשיידענע תּקופֿות זײַנען אויף דער וועלט געווען אַ סך הונדערטער טויזנטער בונדיסטן. פּאָליטיש גערעדט, איז דער „בונד" געווען סײַ אַנטי־רעליגיעז און סײַ אַנטי־ציוניסטיש און בשעת־מעשה, איז ער שטאָל און אײַזן געשטאַנען אַקעגן דעם סאָוועטישן קאָמוניזם. אַ מערקווערדיקע באַוועגונג וואָס האָט געשפּילט אַ מאָנומענטאַלע ראָלע אין לעבן פֿון דער פֿאַר־רעוואָלוציאָנערער רוסישער אימפּעריע און צווישן די מלחמות אין דער ניט־סאָוועטישער מזרח־אייראָפּע, דער עיקר, אין דער פּוילישער רעפּובליק (ווו עס זײַנען יענע יאָרן געווען אײַנגעשלאָסן ניט נאָר וואַרשע, לאָדזש און קראָקע, נאָר אויך ווילנע, גראָדנע און בריסק). דער „בונד" איז ניט באַשטאַנען פֿון פּאָליטישע שרײַערײַען סתּם, נאָר פֿון גרויסע אויפֿטוען פֿאַר ייִדן אין אַלערליי ווינקעלעך פֿון לעבן, צווישן זיי: רעפּרעזענטירונג בײַ דער מאַכט, בכדי צו פֿאַרגרינגערן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, געזונט, און – דאָס קולטור לעבן פֿונעם מאָדערנעם ייִדן, דערלאַנגענדיק פּרעסע, דערציִונג, ליטעראַטור, פֿאַרלאַגן, ראַדיאָ און נאָך.

* * *

טאַקע אין שײַכות מיט די צו־לעצט אויסגערעכנטע תּחומען פֿון ייִדישן לעבן, איז שײַך די פֿאָרגעלייגטע היפּאָטעזע מכּוח דעם „בונד" און ייִדיש.

אמת, מיר רעכענען מענדעלע מוכר־ספֿרים (שלום־יעקבֿ אַבראַמאָוויטש, בערך 1836 – 1917) פֿאַרן „זיידע" פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור; און שלום־עליכמען (שלום ראַבינאָוויטש, 1859 – 1916) פֿאַרן ערשטן „אייניקל" ניט נאָר אין זין פֿון אַ גרויסן שרײַבער נאָר ווי אַ בויער ממש (צ"א אַ דאַנק די בענד פֿון דער „ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק" אין 1888 און 1889).

# דער „בונד" – און אונדזער ייִדישע קולטור

ניט קוקנדיק אויף דעם און די אַנדערע „ראשונים" אונדזערע, וואָלט די **ערנסטע** בעלעטריסטישע ליטעראַטור אויף ייִדיש אַ סבֿרא געבליבן אַ האָב און גוטס פֿון אַ באַגרענעצטער „עליטע" שרײַבער און לייענער. בלויז אין שלום־עליכמס איז עס געוואָרן אַ באַליבטער בײַ גרויסע מאַסן צוליבן געניאַלן הומאָר וואָס איז גובֿר אַלע גרענעצן.

נאָך פֿאַרשיידענע עקספּערימענטן מיט רוסיש, העברעיִש און אַנדערע שפּראַכן אין די יאָרן פֿון אַרבעטער־אַקטיוויזם וואָס האָבן געפֿירט צום בונד, און אין די ערשטע יאָרן פֿונעם „בונד" גופֿא, איז די אַנטוויקלונג פֿון **ייִדיש** ביז צו דער מדרגה פֿו די אייראָפּעיִשע מלוכה־שפּראַכן – בײַ אַ שפּראַך אָן אַ לאַנד! – געוואָרן אַן עיקר פֿון בונדישן טראַכטן און בונדישן אויפֿטאָן שוין אין ערשטן יאָרצענדליק פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

עס איז ניט קיין נײַעס, אַז די געשיכטע ווערט אומעטום אויפֿגעשריבן פֿון די „זיגער" און מען איז נוטה צו פֿאַרקוקן, פֿאַרגעסן און „פֿאַרשפּאַרן" דאָס וואָס ווײַזט זיך אַרויס פֿאַר „פֿריקרע" אין אַ שפּעטערדיקער צײַט.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע בײַשפּילן.

אין דער וועלט פֿון ייִדיש ווערט מען ניט מיד פֿונאַנדערצוטרומייטערן די ראָמאַנטיש־אינספּירירנדיקע ראָלע פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ פֿון 1908טן יאָר. מען חזרט איבער אָן אַ סוף די ענדגילטיקע רעזאָלוציע אַז „ייִדיש איז אַ נאַציאָנאַלע ייִדישע שפּראַך", וואָס עס האָט אונטערגעשטיצט דער דריטער קלאַסיקער אונדזערער, י. ל. פּרץ (1852 – 1915), און מען האַלט פֿאַר פֿאַנאַטיש־עקסטרעמיסטיש די רעזאָלוציע פֿון „אסתּר" (אסתּר פֿרומקין / מלכּה ליפֿשיץ, 1880 – 1943), אַז „ייִדיש איז די נאַציאָנאַלע ייִדישע שפּראַך".

צוויי באַמערקונגען צודערצו. ערשטנס, דאַרף מען האַלטן פֿאַרן אויג אַז פּרצעס אָפֿענע פּראָ־ייִדישע אײַנשטעלונג האָט זיך אין יענע יאָרן אויסקריסטאַליזירט אונטער אַ גאָר אינטימער השפּעה פֿונעם „בונד". און צווייטנס דאַרף מען אויך אָפּשאַצן אסתּרס באַהאַרצטקייט בײַם מאָנען דעם סאַמע העכסטן מעמד פֿאַר דעם „בידנעם זשאַרגאָן". יעדער אָרנטלעכער קולטור־היסטאָריקער ווייסט זייער גוט, אַז אָן די „פּאָלאַרישע" אײַנשטעלונגען, דעמאָלט אַז מען שטעלט זיך אַקעגן קעגן דער קולטור־באַלעבאַטימשאַפֿט אין אַ געזעלשאַפֿט, וועט מען אין לעבן ניט דערגרייכן דעם מיטלפּונקט. ווער רעדט נאָך אין אַ צײַט ווען דער צד שכּנגד האָט בכלל געלייקנט אַז ייִדיש איז אַפֿילו אַ שפּראַך.

[אַגבֿ, אסתּרס גוואַלדיקע ראָלע אין דער סאָציאָלאָגיע פֿון מאָדערנעם ייִדיש ווערט אומיושרדיק פֿאַרקוקט ניט נאָר פֿון די סקאַרבאָווע היסטאָריקער, נאָר אַפֿילו אינעם „בונד" גופֿא, צוליב דעם וואָס נאָך דער רעוואָלוציע איז זי אַריבער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד צום קאָמוניזם]. זי איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1938, האָט זיך ניט מודה געווען אין די פֿאַלשע באַשולדיקונגען, ניט קוקנדיק אויף די יסורים, און איז געשטאָרבן אין סטאַלינס אַ שקלאַפֿן־לאַגער אין 1943. שוין צײַט מען זאָל וועגן אסתּרן נעמען שרײַבן און בפֿרט וועגן דער פֿריִערדיקער תּקופֿה אירער...].

ווייניקער קאָנטראָווערסאַל דאַרף זײַן די ראָלע פֿונעם בונד אין אויפֿשטעלן דעם ייִדישן שול־וועזן אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן. דאָ גייט די רייד וועגן דער נעץ „ציש"אָ"־שולן (די צענטראַלע ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציע) מיטן צענטער אין וואַרשע, און די „צע־בע־קאָ"־שולן (צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט) אין ווילנער געגנט. ווער עס וועט ערלעך מעסטן און פֿאָרשן די פֿראַגע, דער וועט געוואָר ווערן, אַז אָנעם בונד איז דאָס אַלץ פּראָסט און פּשוט – ניט געווען. און אָן די אַלע אינסטיטוציעס וואָס דער בונד איז געווען דער „הויפּט־מחותּן" בײַ זייער גרינדונג און אויפֿהאַלטונג, וואָלטן הונדערטער און הונדערטער ייִדישע שרײַבער (בונדיסטן און ניט־בונדיסטן) אין לעבן ניט געקומען צו ייִדישער ליטעראַטור און אָן דער געהעריקער אינפֿראַסטרוקטור ניט **געבליבן דערבײַ**.

נאָכמער: אָנעם „בונד" וואָלט ניט אויפֿגעקומען דער „ייִוואָ" אין ווילנע. דער פֿאַקטישער גרינדער מאַקס ווײַנרײַך, דער גרויסער היסטאָריקער פֿון דער ייִדישער שפּראַך, איז געווען אַ הייסער „בונדיסט", וועלכער האָט „גוט פֿאַרשטאַנען" אַז אין דער וויסנשאַפֿט דאַרף מען „גוט שווײַגן" וועגן דער פּערזענלעכער פּאָליטיק, בפֿרט אַז עס גייט אין אַ קעמפֿנדיקער מיעוט־שפּראַך וואָס דאַרף צו זיך צוציִען מיטאַרבעטער פֿון אַלע איבערצײַגונגען. דער „בונד" האָט דעם יונגן ווײַנרײַכן דערפֿירט צו ייִדיש!

און ווער איז געווען דער פֿאַקטישער פֿאַרלעגער וועלכער האָט עס געמאַכט פֿאַר מעגלעך אַז דער „ייִוואָ" זאָל אַרויסגעבן די אַלע וויסנשאַפֿטלעכע בענד (די „פֿילאָלאָגישע שריפֿטן" און אַנדערע)? אַז זלמן רייזען זאָל אַרויסגעבן זײַן מײַסטערווערק דעם פֿיר־בענדיקן לעקסיקאָן (ווילנע, 1926 – 1929)? און פֿאַר דעם אַלעמען, אַז ש. ניגערס „פּנקס" (ווילנע 1913) זאָל דערזען די ליכטיקע שײַן? אין אָט דעם באַנד טרעפֿט מען בער באָראָכאָווס (1881 – 1917) קלאַסישע ווערק וועלכע האָבן „מיט איין שאָס" אויפֿגעשטעלט ייִדיש ווי אַ מאָדערן אַקאַדעמיש געביט. ווער האָט דאָס אַלץ אַרויסגעגעבן? דער הייסער בונדיסט באָריס קלעצקין. ניט נאָר אין ווילנע, דעם וויכטיקסטן פֿאַרמלחמהדיקן ייִדיש־ליטעראַרישער זשורנאַל אין דער וועלט, די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער", האָט אַרויסגעגעבן דער זעלביקער באָריס קלעצקין (1875 – 1937).

מאַקס ווײַנרײַך (מיטן ווײַסן העמד) מיט אַ גרופּע יונגע בונדיסטן אין זײַן היימשטאָט גאָלדינגען (קורלאַנד), 1913

און לאָמיר האַלטן אויך די „טענות צום בונד" אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו: נישט די העברעיִשע שפּראַך און ניט די ייִדישע רעליגיע האָבן עפּעס אָנגעוואָרן פֿון די אַמאָליקע בונדישע פּאָזיציעס וואָס געהערן צו דער פֿאַרשווונדענער עפּאָכע. בשעת־מעשה האָט די קעגנערשאַפֿט צום קאָמוניזם מצד אַ סאָציאַליסטיש־**דעמאָקראַטישער** פּאַרטיי אויפֿגעעפֿנט פֿאַר דער ייִדישער קולטור האָריזאָנטן וואָס האָבן געגעבן גרויסע שרײַבער, פּעדאַגאָגן, פּובליקאַציעס און פֿאָרשער.

[פּונקט אַזוי דאַרף מען איצט נעמען אויפֿסנײַ און „ניט מיט קיין האַלבן מויל" אויספֿאָרשן דעם אומגעהויערן בײַטראָג פֿונעם „איקוף" (ייִדישער קולטור פֿאַרבאַנד) צום וווּקס פֿון דער הויכער קולטור וואָס אויף ייִדיש אין צפֿון־אַמעריקע און מערבֿ־אייראָפּע. פּונקט ווי דער „בונד", האָט דער „איקוף" „קיינעם" ניט געשאָסן און קיינעם ניט פֿאַרשיקט", נאָר וואָס, ער האָט אין מערבֿ אויפֿגעבויט אַ הויכע, פּרעכטיקע ליטעראַטור און קולטור אויף ייִדיש, ווי עס האָט עס געטאָן אין פּוילן דער „בונד"].

די וואָס לאַכן אָפּ פֿונעם „בונד", אַלמאַי זי איז הײַנט ניט קיין „גרויסע" באַוועגונג אָדער פֿאַרדערפֿאַר וואָס זי האָט געהאַלטן פֿון „דאָיִקייט" אַנשטאָט עמיגראַציע, מעגן פּונקט אַזוי אויסלאַכן אַלע מאַסן־שיטות וואָס האָבן אין פֿאַרשיידענע מאָסן געטיילט דעם גורל פֿון אויסגעשאָכטענעם ייִדישן פֿאָלק אין מזרח־אייראָפּע. קיין נאָרמאַלער מענטש זעט ניט פֿאָראויס אַז מען וועט אויסשעכטן אַ גאַנץ פֿאָלק.

פּונקט אַזוי קען מען ניט האָבן די מינדסטע טענה צום לעצטן ווילנער רבֿ, ר' חיים עוזר גראָדזענסקי ז"ל (1863 – 1940) אַלמאַי ער איז יענע יאָרן געווען „קעגן די ציוניסטן" און קעגן עמיגראַציע בכלל.

די וואָס וועלן ערלעך (ד"ה אָן פּאָליטישע פּניות) אויספֿאָרשן דעם מהלך פֿון עטלעכע יחידים שרײַבער ביז צום מעמד פֿון אַ מאָדערנער קולטור וואָס איז פֿעיִק אַרויסצוגעבן אַ ים מיט ווערק אויף די העכסטע ניוואָען, די־אָ וועלן אָנערקענען די גוואַלדיקע ראָלע פֿון „בונד".

טשיקאַווע, פּונקט ווי אין לעבן פֿון אַ יחיד, קען זײַן דער דין בײַ אַ באַוועגונג: אָט־די אויפֿטוען וואָס מען האָט זיך לכתּחילה געשטעלט פֿאַר דער ערשטער און העכסטער אויפֿגאַבע זײַנען לאַו־דווקא די וואָס פֿאַרבלײַבן. די דויערדיקסטע בײַטראָגן פֿון בונד זײַנען גאָר: אין דער וועלט פֿון ייִדיש. „גיי ווייס"...

פֿאַרדערפֿאַר אָבער איז די קולטור געשיכטע אַזאַ שיינע און מיסטעריע־פֿולע געביט, וואָס הערט ניט אויף צו פֿאַרחידושן.